גליון
# בת עין
דבר השווה לכל נפש
אידיש
גליון מח
פרשת שלח
תשפ"ד

## פארווארט

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין ארומרעדן וועגן די גרויסקייט פון מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, און דורך דעם וועט מען זוכה זיין צו השפעות חסד ורחמים.

הרה"ח ר' אליעזר דוד פריעדמאן ברענגט אין זיין ספר מפי ספרים וסופרים פרשת בשלח עטליכע ענינים וואס צדיקים האבן געזאגט אז ס'איז זיי זייער שווער עס צו משפיע זיין און נאר דורך אמונה קען דער מענטש זוכה זיין דערצו, אזוי ווי פרנסה און שידוכים וואס עס שטייט אויף זיי אז ס'איז קשה כקריעת ים סוף, ווייל אזוי ווי ביי קריעת ים סוף איז נאר געשען די נס דורך אמונה פשוטה אזוי איז די זאכן קען מען נאר זוכה זיין מיט אמונה פשוטה.

ווידער די איבענדערמאנטע זאכן זאגט ר' אליעזר דוד דער מענטש הערט נישט אויף מיט זיין אייגענע השתדלות און מחשבות און פארלאזט זיך נישט אויפן באשעפער מיטן גאנצן הארץ און דערפאר איז עס אזוי שווער צו משפיע זיין.

יראו את השם קדושיו כי אין מחסור ליראיו.

## תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק: ועתה יגדל נא כח הוי"ה / צוויי דיוקים אין די לשון הפסוק.

[ב]

דורך 'קבלת עול מלכות שמים' איז מען ממשיך אויף זיך די מידת היראה / דורך די מידת היראה קען מען צוקומען צו ביטול במציאות / דורך די בחינת יראה און קבלת עול מלכות שמים איז מען זוכה צו השפעות חסד ורחמים.

[ג]

שם אדנ"י איז מרמז צו קבלת עול מלכות שמים / די אותיות שם אדנ"י איז מרמז צו די פיר דגלי ישראל, און די מילוי איז מרמז צו די צוועלעף שבטי יה.

[ד]

די כוונה פון משה רבינו צו שיקן מרגלים / די פגם און שאדן פון די חטא המרגלים / די בקשה פון משה רבינו צו פארעכטן די פגם המרגלים דורך די זכות פון יהושע און כלב.

[ה]

פשט אין פסוק ועתה יגדל 'נא' / דורך קבלת עול מלכות שמים וועט מען זוכה זיין צו מידת החסד.

## [א]

**וְעַתָּה יִגְדַּל נָא כֹּחַ אֲדֹנָי וְגוֹ'**[א]. נאכדעם וואס די יודן זענען געשטרויכלט געווארן מיט די זינד פון די מרגלים רעדט משה רבינו צום באשעפער מיט תחנונים און זאגט אים: 'און **יעצט** (בעט איך דיר עס) זאל **יעצט** געגרויסט ווערן די נאמען פון דער אייבישטער – אדנ"י (און איינצוהאלטן די מידת הדין – און זיך צו באנוצן מיט די מידת החסד און י"ב מידות של רחמים) אזוי ווי דו האסט געזאגט.

> וְעַתָּה יִגְדַּל **נָא** כֹּחַ אֲדֹנָי וְגוֹ'. לִכְאוֹרָה יֵשׁ לְדַקְדֵּק עַל תֵּיבַת 'נָא' שֶׁנִּרְאֶה כִּמְיוּתָּר. גַּם

### צוויי דיוקים אין די לשון הפסוק

**לִכְאוֹרָה יֵשׁ לְדַקְדֵּק עַל תֵּיבַת 'נָא' שֶׁנִּרְאֶה כִּמְיוּתָּר** מען דארף פארשטיין דאס ווארט 'נָא' וואס איז טייטש 'יעצט' וואס זעהט אויס פון אויבן אויס אלס א איבריג ווארט.

א. אין פסוק שטייט: **וְעַתָּה יִגְדַּל נָא כֹּחַ אֲדֹנָי כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לֵאמֹר.**

**גַּם לִכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן** אויך דארף מען פארשטיין וואס עס זעהט נישט אויס פארשטענדליך, **כִּי מֹשֶׁה הָיָה רוֹצֶה לְעוֹרֵר מִדַּת הַחֶסֶד** ווייל משה האט געוואלט דערוועקן די מידת החסד ביים באשעפער אויף די יודן, **לָמָּה הִתְפַּלֵּל בְּשֵׁם אֲדֹנָ"י הַמּוֹרֶה עַל מִדַּת גְּבוּרָה** איז פארוואס האט ער דעמאלסט דערמאנט ביי זיין תפילה די שם אדנ"י וואס ווייזט אויף מידת הדין, **וְלֹא הִתְפַּלֵּל בְּשֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הַמּוֹרֶה עַל מִדַּת חֶסֶד וְרַחֲמִים** און ער האט נישט דערמאנט ביי זיין תפילה די שם הוי"ה וואס איז מרמז אויף חסד און רחמים.

לִכְאוֹרָה אֵינוֹ מוּבָן כִּי מֹשֶׁה הָיָה רוֹצֶה לְעוֹרֵר מִדַּת הַחֶסֶד, לָמָּה הִתְפַּלֵּל בְּשֵׁם אֲדֹנָ"י הַמּוֹרֶה עַל מִדַּת גְּבוּרָה, וְלֹא הִתְפַּלֵּל בְּשֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הַמּוֹרֶה עַל מִדַּת חֶסֶד וְרַחֲמִים.

אַךְ נוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה, דְּהִנֵּה עִיקָּר בְּחִינַת חֶסֶד וְרַחֲמִים אֵינוֹ שׁוֹרֶה רַק עַל מִי שֶׁמְּקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת.

הַיְינוּ שֶׁמַּאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ הוּא מַנְהִיג וּמַשְׁגִּיחַ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, וְעַל כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה מִן כָּל אֵבֶר וָאֵבֶר. וּמִתְבּוֹנֵן בְּדַעְתּוֹ שֶׁלּוּלֵא הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ מְקוֹר הַחַיִּים בָּרוּךְ הוּא הָיָה נוֹתֵן לוֹ חַיּוּת וְכֹחַ בְּאוֹתוֹ אֵבֶר לֹא הָיָה יָכוֹל לְהִתְנוֹעֵעַ בְּאוֹתוֹ אֵבֶר כְּלָל.

וּמִזֶּה יַבִּיט תְּמוּנַת ה' בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע, וּמְקַיֵּים שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד, וּמֵחֲמַת זֶה יִפּוֹל עָלָיו גּוֹדֶל אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה וּבוּשָׁה וְהַכְנָעָה לִפְנֵי הַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא.

יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לִבְחִינַת יִרְאָה הַלָּזֶה.

וּכְשֶׁהוּא מְקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּגוֹדֶל אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה כַּנַּ"ל, אָז בָּא לִבְחִינַת בִּיטּוּל בִּמְצִיאוּת לְגַמְרֵי,

[ב]

## דורך 'קבלת עול מלכות שמים' איז מען ממשיך אויף זיך די מידת היראה

**אַךְ נוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ זֶה** נאר אונז קענען זאגן אויף די וועג, **דְּהִנֵּה עִיקָּר בְּחִינַת חֶסֶד וְרַחֲמִים אֵינוֹ שׁוֹרֶה רַק עַל מִי שֶׁמְּקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת** ווייל די עיקר בחינה פון חסד און רחמים רוהט נישט נאר אויף איינעם וואס איז מקבל אויף זיך אינגאנצן די עול מלכות שמים.

**הַיְינוּ שֶׁמַּאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ הוּא מַנְהִיג וּמַשְׁגִּיחַ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת** דאס מיינט אז ער גלייבט מיט א גאנצע אמונה אז דער באשעפער פירט די גאנצע וועלט (מַנְהִיג) און גיב אכטונג אויף אלעס (וּמַשְׁגִּיחַ) מיט אלע פונקטליכע איינצעלהייטן (בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת), **וְעַל כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה מִן כָּל אֵבֶר וָאֵבֶר** און אויף יעדע ריר און ריר פון יעדע גליד (אבר) און גליד, **וּמִתְבּוֹנֵן בְּדַעְתּוֹ** און דער מענטש טראכט אריין מיט זיין שכל, **שֶׁלּוּלֵא הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ מְקוֹר הַחַיִּים בָּרוּךְ הוּא הָיָה נוֹתֵן לוֹ חַיּוּת וְכֹחַ בְּאוֹתוֹ אֵבֶר** אז ווען נישט דער באשעפער – געבענטש זאל זיין די נאמען - וואס איז דער 'מקור' (גרונד) פון לעבן גיבט אים די כח און לעבן אין די אבר וואס ער נוצט, **לֹא הָיָה יָכוֹל לְהִתְנוֹעֵעַ בְּאוֹתוֹ אֵבֶר כְּלָל** וואלט ער נישט אינגאנצן געקענט אפילו רירען זיין אבר.

**וּמִזֶּה יַבִּיט תְּמוּנַת ה' בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע**[ב] און פון די בחינה פון 'קבלת עול מלכות שמים בשלימות' וועט ער זעהן דאס געשטאלט פונעם באשעפער א יעדע רגע און רגע, **וּמְקַיֵּים שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד** און ער איז מקיים די מצוה פון 'איך לייג שטענדיג דעם באשעפער'ס נאמען פאר מיינע אויגן', **וּמֵחֲמַת זֶה יִפּוֹל עָלָיו גּוֹדֶל אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה וּבוּשָׁה וְהַכְנָעָה לִפְנֵי הַבּוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא** און דורך דעם וועט פאלן אויף אים א ציטער און א שרעק (אימה ופחד) און א פארכט (יראה) און א 'בושה' (שעמעדיגקייט) און א אונטערטעניגקייט פארן באשעפער – געבענשט זאל זיין די נאמען.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לִבְחִינַת יִרְאָה הַלָּזֶה** זאל זיין די ווילן פון השי"ת אז אונז זאלן זוכה זיין צו די מדריגה.

## דורך די מידת היראה קען מען צוקומען צו ביטול במציאות

**וּכְשֶׁהוּא מְקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּגוֹדֶל אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה כַּנַּ"ל** און ווען ער איז מקבל אויף זיך 'עול מלכות שמים' מיט א גרויסע ציטער און פחד און מורא ווי אויבן דערמאנט, **אָז בָּא לִבְחִינַת בִּיטּוּל בִּמְצִיאוּת לְגַמְרֵי** דעמאלסט קומט דער מענטש צו די בחינה פון 'ביטול' וואס מיינט אז ער זעהט אינגאנצן אין ווירקליכקייט (במציאות) זיין נישטיגקייט און ער ווערט ממש בטל.

ב. ווייל ער וועט זעהן די גרויסקייט פון השי"ת אין א יעדע ריר און ריר  וועט ער זעהן די געשטאלט און דאס געוועלטיגן פון השי"ת אין אלעס פון די וועלט.

רַק הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּיעַ עָלָיו בְּרוֹב רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים, וְנוֹתֵן לוֹ חַיּוּת, בִּבְחִינַת 'וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כּוּלָּם' (נחמי' ט, ו), שֶׁיּוּכַל לִהְיוֹת בִּבְחִינַת קִיּוּם עוֹלָם הַזֶּה.

וּמִי יִתֵּן וְנִזְכֶּה לִטְעוֹם מִבְּחִינַת יִרְאָה כָּזוֹ, וְנוּכַל לְקַבֵּל הַשְׁפָּעַת חֶסֶד וְרַחֲמִים מִמְּקוֹר הָרַחֲמִים, מִבְּחִינַת י"ב מְכִילָן דְּרַחֲמֵי, שֶׁשֵּׁם אֵל הוּא מְקוֹר לְכָל הַמִּדּוֹת[א], כְּמוֹ שֶׁכָּתַבְתִּי כַּמָּה פְּעָמִים[ב].

וְהִנֵּה שֵׁם אֲדֹנָ"י מְרַמֵּז עַל בְּחִינַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת[ג], וְיֵשׁ בְּשֵׁם הַזֶּה י"ב אוֹתִיּוֹת בְּמִילּוּאוֹ, מְרַמֵּז עַל י"ב שְׁבָטִים כְּשֶׁהֵם מְקַבְּלִים עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת שֶׁהוּא שֵׁם אֲדֹנָ"י בְּמִילּוּאוֹ (תיקוני זוהר נט.)[ד],

א. עיין פרי עץ חיים שער הסליחות פ"ח: ודע, כי י"ג תיקוני דיקנא הם ג' הויות, שבהם י"ב אותיות, והם נגד י"ב תיקוני דיקנא, והמזל הכוללם אותן כולם הם י"ג, עכ"ל. ור"ל, שעיקר מדות הרחמים הם י"ב מדות, נגד י"ב אותיות שם אדנ"י במילואו הרומז על בחינת קבלת עול מלכות שמים בשלימות, כמו שמאריך רבינו להלן, להורות שעל ידי קבלת עול מלכות שמים יכולים להמשיך עליהם י"ב מכילין דרחמי.

ב. פרשת ויגש ד"ה עוד יש לדקדק. פרשת כי תשא לפרשת שקלים ד"ה זה יתנו ועוד.

ג. עיין זוה"ק ח"ג יא, א: אדנ"י, ודא מלכות קדישא.

ד. לשון התיקו"ז שם הובא לעיל הערה כא.

**רַק הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מַשְׁפִּיעַ עָלָיו בְּרוֹב רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים** נאר דער באשעפער מיט זיין גרויסע רחמים און חסדים איז משפיע אויף אים פון די מקור החסד און רחמים, **וְנוֹתֵן לוֹ חַיּוּת** און גיבט אים אריין א לעבעדיגקייט, **בִּבְחִינַת 'וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כּוּלָּם'**[ג] (נחמי' ט, ו) אזוי ווי די בחינה וואס שטייט 'און דער באשעפער טוט כסדר מאכן יעדן איינעם לעבן' און אריינגעבן א חיות, **שֶׁיּוּכַל לִהְיוֹת בִּבְחִינַת קִיּוּם עוֹלָם הַזֶּה** כדי ער זאל קענען האבן א צושטאנד און א חיות אויף די וועלט.

## דורך די בחינת יראה און קבלת עול מלכות שמים איז מען זוכה צו השפעות חסד ורחמים

**וּמִי יִתֵּן וְנִזְכֶּה לִטְעוֹם מִבְּחִינַת יִרְאָה כָּזוֹ** און הלוואי זאל השי"ת געבן אז אונז זאלן זוכה זיין צו טועם זיין פון די בחינת יראה, **וְנוּכַל לְקַבֵּל הַשְׁפָּעַת חֶסֶד וְרַחֲמִים מִמְּקוֹר הָרַחֲמִים** און אונז זאלן זוכה זיין צו מקבל די השפעות פון חסד און רחמים פון די 'מקור הרחמים', **מִבְּחִינַת י"ב מְכִילָן דְּרַחֲמֵי** פון די בחינה פון די י"ב מידות הרחמים.

**שֶׁשֵּׁם אֵל הוּא מְקוֹר לְכָל הַמִּדּוֹת**[ד], ווייל די שם 'אל' מיט וואס די מידות הרחמים הייבט זיך אן ווערט נישט גערעכנט אלס איינע פון די מידות הרחמים – נאר ס'איז די מקור און אנפאנג פון י"ב מידות הרחמים, **כְּמוֹ שֶׁכָּתַבְתִּי כַּמָּה פְּעָמִים**[ה] אזוי ווי איך האב שוין געשריבן עטליכע מאל.

## [ג]

## שם אדנ"י איז מרמז צו קבלת עול מלכות שמים

**וְהִנֵּה שֵׁם אֲדֹנָ"י מְרַמֵּז עַל בְּחִינַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת**[ו] און די שם אדנ"י איז מרמז אויף מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים אינגאנצן, **וְיֵשׁ בְּשֵׁם הַזֶּה י"ב אוֹתִיּוֹת בְּמִילּוּאוֹ**[ז] און ס'איז דא אין די שם צוועלעף אותיות מיט די מילוי, **מְרַמֵּז עַל י"ב שְׁבָטִים** וואס די צוועלעף אותיות זענען מרמז אויף די צוועלעף שבטים, **כְּשֶׁהֵם מְקַבְּלִים עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת שֶׁהוּא שֵׁם אֲדֹנָ"י בְּמִילּוּאוֹ** (תיקוני זוהר נט.)[ח] וואס ווען די יודן זענען מקבל אויף

ג. דאס מיינט אז דער באשעפער דארף כסדר אריינגעבן א חיות אפילו פאר די וואס לעבן.

ד. אין פרי עץ חיים (שער הסליחות פ"ח) שטייט אזוי: **ודע** [און דו זאלסט וויסן], **כי י"ג תיקוני דיקנא הם ג' הויות** [אז די י"ג תיקונים פון מידות הרחמים וואס ווערט אנגערופן 'תיקוני דיקנא' זענען אקעגן דריי מאל שם הוי"ה], **שבהם י"ב אותיות** [וואס אין דריי מאל שם הוי"ה איז דא צוועלעף אותיות], **והם נגד י"ב תיקוני דיקנא** [און דאס איז אקעגן די צוועלעף 'תיקוני דיקנא'- י"ב מידות], **והמזל הכוללם אותן כולם הם י"ג** [און מיט די מזל ( די הייליגע שם) וואס נעמט זיי אלע ארום איז עס דרייצען], **עכ"ל** [ביז דא איז די ווערטער פון הרה"ק ר' חיים וויטאל]. דאס מיינט צו זאגן אז די עיקר מידות הרחמים זענען די צוועלעף מידות, וואס איז מרמז אקעגן די צוועלעף אותיות פון שם אדנ"י מיט די מילוי, און אזוי ווי די בת עין גייט באלד מסביר זיין אז דורך קבלת עול מלכות שמים איז מען ממשיך י"ב מידות הרחמים.

ה. אין פרשת ויגש ד"ה עוד יש לדקדק. און אין פרשת כי תשא לפרשת שקלים ד"ה זה יתנו, און אין נאך פלעצער.

ו. אזוי שטייט אין זוה"ק (ח"ג יא, א): **אדנ"י, ודא מלכות קדישא** [אז די שם אדנ"י איז מרמז אויף די הייליגע בחינה פון מלכות].

ז. די מילוי פון שם אדנ"י איז: **אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד**, וואס דאס איז צוועלעף אותיות.

ח. די לשון פון די תיקו"ז איז: **שכינתא איהי חשבון תקופין ומזלין ומולדין ועבורין** [די שכינה איז כולל חשבון פון די פיר תקופות השנה און אלע מזלות און מולד און עיבורין], **ארבע תקופן דאתקריאו ארבע תקופות** [די 'פיר תקופן' וואס ווערט אנגערופן די פיר תקופות], **ולכל תקופה תלת ירחין** [און יעדע תקופה ענהאלט אין זיך דריי חדשים], **ובהון תרי עשר מזלות** [און

זיך אינגאנצן די 'עול מלכות שמים' וואס דאס איז די שם אדנ"י מיט די מילוי, **אָז יְכוֹלִים לְהַמְשִׁיךְ עֲלֵיהֶם י"ב מְכִילִין דְּרַחֲמֵי רַחוּם וְחַנּוּן וְכוּ'**[ט] איז דעמאלסט קענען זיי ממשיך זיין אויף זיך די צוועלעף מידות פון רחמים פון 'רחום וחנון' און אזוי ווייטער.

## די אותיות שם אדנ"י איז מרמז צו די פיר דגלי ישראל, און די מילוי איז מרמז צו די צוועלעף שבטי י-ה

**וְהִנֵּה בְּחִינַת 'יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר'** (ישעי' מט, ג) **הָיָה בָּהֶם בְּחִינַת ד' דְּגָלִים** און אין די בחינה מיט וואס דער באשעפער האט אויסגערימט די יודן און זיי אנגערופן 'די יודן מיט וואס איך טוה זיך שטאלצירן' איז געווען די פיר פענער, **וְהֵמָּה מְרוּמָּזִים נֶגֶד ד' אוֹתִיּוֹת שֶׁל שֵׁם אֲדֹנָ"י**[י] וואס די פיר פענער (דגלים) זענען מרמז א קעגן די פיר אותיות פון די שם אדנ"י.

אָז יְכוֹלִים לְהַמְשִׁיךְ עֲלֵיהֶם י"ב מְכִילִין דְּרַחֲמֵי רַחוּם וְחַנּוּן וְכוּ'[ה].

וְהִנֵּה בְּחִינַת 'יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר' (ישעי' מט, ג) הָיָה בָּהֶם בְּחִינַת ד' דְּגָלִים, וְהֵמָּה מְרוּמָּזִים נֶגֶד ד' אוֹתִיּוֹת שֶׁל שֵׁם אֲדֹנָ"י, וּשְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים מְכוּוָּנִים נֶגֶד י"ב אוֹתִיּוֹת מִילּוּאוֹ שֶׁל הַשֵּׁם אֲדֹנָ"י, מְרַמֵּז שֶׁצְּרִיכִים יִשְׂרָאֵל עַם קְדוֹשׁוֹ לְהַמְלִיךְ אוֹתוֹ עֲלֵיהֶם בְּקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם שְׁלֵימָה.

וְעוֹל מַלְכוּתוֹ יְקַבְּלוּ תָּמִיד בְּגוֹדֶל אֵימָה וְיִרְאָה וָפַחַד שֶׁמְּרוּמָּז בְּד' אוֹתִיּוֹת שֶׁל שֵׁם אֲדֹנָ"י, וּבְמִילּוּאוֹ הֵם י"ב אוֹתִיּוֹת בְּלִי שׁוּם הֶפְסֵק בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה[ו], כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (ירמי' כג, כד) 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ' וְגוֹ'.

ה. 'רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה', כמש"כ רבינו לעיל ש'אל' אינו ממנין המדות אלא הוא מקור לכל המדות והמדות עצמם הם י"ב.

ו. ר"ל שי"ב אותיות של שם אדנ"י במילואו הרומזים על י"ב חדשי השנה, מורים על כך שבכל הזמנים בלי הפסק, מקבלים עליהם את עול מלכותו יתברך.

**וּשְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים מְכוּוָּנִים נֶגֶד י"ב אוֹתִיּוֹת מִילּוּאוֹ שֶׁל הַשֵּׁם אֲדֹנָ"י** און די צוועלעף שבטים זענען אקעגן די צוועלעף אותיות פון די מילוי פון די שם אדנ"י, **מְרַמֵּז שֶׁצְּרִיכִים יִשְׂרָאֵל עַם קְדוֹשׁוֹ לְהַמְלִיךְ אוֹתוֹ עֲלֵיהֶם בְּקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם שְׁלֵימָה** דאס קומט צו מרמז זיין אז די יודן וואס זענען דעם באשעפער'ס הייליגע פאלק דארפן ממליך זיין אויף זיך דעם באשעפער מיט א גאנצע 'קבלת עול מלכות שמים'.

**וְעוֹל מַלְכוּתוֹ יְקַבְּלוּ תָּמִיד בְּגוֹדֶל אֵימָה וְיִרְאָה וָפַחַד** און די 'עול' (די יאך) פון די מלוכה פונעם באשעפער זאלן זיי שטענדיג מקבל זיין אויף זיך מיט גרויס ציטער און און מורא און פחד, **שֶׁמְּרוּמָּז בְּד' אוֹתִיּוֹת שֶׁל שֵׁם אֲדֹנָ"י וּבְמִילּוּאוֹ הֵם י"ב אוֹתִיּוֹת** וואס די 'מלכות שמים' איז מרומז אין די פיר אותיות פון די שם אדנ"י און מיט די מילוי צוזאמען איז עס צוועלעף אותיות, **בְּלִי שׁוּם הֶפְסֵק בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה**[יא] אן קיין שום אפשטעל אין א יעדע צייט און א יעדע מינוט, **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ירמי' כג, כד) **'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ' וְגוֹ'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'אויב א מענטש וועט זיך באהאלטן אין א באהעלטעניש וועל איך אים דען נישט זעהן'

אין זיי איז דא צוועלעף מזלות], **ואינון לקבל תרין עשר שבטין דישראל** [און ס'איז אקעגן די צוועלעף שבטי ישראל], **וכלא אתקשר בהאי שמא אדנ"י** [און אלעס איז אנגעקניפט אין די שם אדנ"י], **איהי שכינתא תתאה** [וואס די שם אדנ"י ווערט אנגערופן 'שכינה תתאה'], וכו' ...., **ואינון אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד** [און דאס איז די שם אדנ"י מיט די מילוי - **אל"ף דל"ת נו"ן יו"ד**].

ט. די צוועלעף מידות זענען 'רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נושא עון ופשע וחטאה ונקה'. דער בת עין האט שוין געשריבן אויבן אז די שם 'אל' איז נישט פון די מדות נאר ס'איז די 'מקור' און אנפאנג פון די המדות, אבער די מדות אליין זענען נאר י"ב.

י. ווי דער בת עין האט מסביר געווען אין א תורה פארדעם זענען די צוועלעף נשיאים געווען אקעגן די צוועלעף אותיות פון שם אדנ"י, דאס מיינט **דגל מחנה יהודה** איז אקעגן די אות **א** פון שם אדנ"י, און די צוויי שבטים וואס זענען געווען מיט אים (יששכר און זבולון) זענען מרומז אין די מילוי פון די אות אל"ף [לַמֶ"ד פֵּ"א]. און **דגל מחנה ראובן** איז מרומז אין די אות **ד** פון שם אדנ"י, און די צוויי שבטים וואס זענען געווען מיט אים (שמעון און גד) זענען מרומז אין די מילוי פון די אות דל"ת [לַמֶ"ד תָּ"ו]. און **דגל מחנה אפרים** איז מרמז אויף די אות **נ** פון שם אדנ"י, און די צוויי שבטים וואס זענען געווען מיט אים (מנשה און בנימין) זענען מרומז אין די מילוי פון די אות נו"ן [וָא"ו נו"ן]. און **דגל מחנה דן** איז מרומז אין די אות **י** פון שם אדנ"י, און די צוויי שבטים וואס זענען געווען צוזאמען מיט אים (אשר און נפתלי) זענען מרומז אין די מילוי פון די אות יו"ד [וָא"ו דָּלֶ"ת].

יא. דאס מיינט צו זאגן אז די צוועלעף אותיות פון די שם אדנ"י מיט איר מילוי וואס זענען אויך מרמז אויף די צוועלעף חדשים פון די יאר (ווי דערמאנט אויבן אין הערה ח' אין די לשון פון די תיקוני זוהר), און ס'טוט אונז ווייזן אז מען דארף מקבל זיין 'עול מלכות שמים' אין אלע צייטן פון די יאר אן קיין שום אפשטעל.

וְזֶה הָיָה עִיקַּר כַּוָּונַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה בִּשְׁלִיחוּת הַמְרַגְּלִים שְׁנֵים עָשָׂר אֲנָשִׁים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי שֶׁיְּקַבְּלוּ שָׁם הַי"ב אֲנָשִׁים עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת, שֶׁמְּרוּמָּז בְּי"ב אוֹתִיּוֹת מִילּוּאִים שֶׁל שֵׁם אֲדֹנָ"י כָּאָמוּר לְמַעְלָה.

לְפִי שֶׁבְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְסוּגֶּלֶת לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בֶּאֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ, לְפִי שֶׁשָּׁם הוּא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה[ז], בִּכְדֵי לְהַשְׁפִּיעַ אַחַר כָּךְ בְּחִינַת קְדוּשָּׁה זוֹ לִכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל, וְעַל יְדֵי זֶה יִתְמַשֵּׁךְ לָהֶם חֶסֶד וְרַחֲמִים מִי"ב מְכִילִין דְּרַחֲמֵי, מְקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים.

אָכֵן כַּאֲשֶׁר מָאֲסוּ הַמְרַגְּלִים בִּבְחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מָאֲסוּ בִּבְחִינַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָז נִפְסַק הַשְׁפָּעַת הַצִּינּוֹר מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים לִכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל.

אָכֵן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה כָּל חֶפְצוֹ וּרְצוֹנוֹ הָיָה לְהַחֲזִיר עֲטָרָה לְיוֹשְׁנָהּ, לְהַמְשִׁיךְ הַשְׁפָּעַת הַצִּינּוֹר מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים לִכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל, עַל כֵּן הָיָה מוּכְרָח וְנִצְרָךְ לִבְחִינַת הַמְשָׁכַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת עַל כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל

ז. ראה מה שכתב רבינו עוד בפרשת מסעי ד"ה ויכתוב משה: דהנה עיקר בחינת ארץ ישראל הוא כדי לבא לבחינת יראת הרוממות מהבורא עולמים, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ולקבל עליו עול מלכות שמים בשלימות, באשר מושל בעליונים ובתחתונים כרצונו ית', מחמת שבארץ ישראל הוא עיקר השראת השכינה והתגלות מלוכת הבורא ב"ה, לכך יוכלו להשיג שם בחינת קבלת עול מלכות שמים בשלימות בגודל אימה ופחד ויראה ובושה והכנעה. ולזה היה עיקר נסיעתם במדבר, ארץ ציה ושממה נחש שרף ועקרב, כדי להתבונן ולראות בעין שכלו שיש בחינת פחד ויראה מדברים גשמיים, אבל אין זה עיקר היראה, כי אין הנחש ממית וכו' (ראש השנה כט, א), רק שזה נברא בעולם רק בשביל משל ודוגמא בעלמא, והעיקר הוא לבא לבחינת ארץ ישראל, שהוא בחינת קבלת עול מלכות שמים בשלימות באימה ויראה אמיתית.

[ד]

## די כוונה פון משה רבינו צו שיקן מרגלים

**וְזֶה הָיָה עִיקַּר כַּוָּונַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה בִּשְׁלִיחוּת הַמְרַגְּלִים שְׁנֵים עָשָׂר אֲנָשִׁים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** און דאס איז געווען די עיקר כוונה פון משה רבינו וואס ער האט געשיקט די מרגלים (שפיאנען) די צוועלעף מענטשן קיין ארץ ישראל, **כְּדֵי שֶׁיְּקַבְּלוּ שָׁם הַי"ב אֲנָשִׁים עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת** כדי די צוועלעף מענטשן זאלן דארט אין ארץ ישראל מקבל זיין אויף זיך די גאנצע 'עול מלכות שמים', **שֶׁמְּרוּמָּז בְּי"ב אוֹתִיּוֹת מִילּוּאִים שֶׁל שֵׁם אֲדֹנָ"י כָּאָמוּר לְמַעְלָה** וואס ווי אויבן געזאגט איז די 'עול מלכות שמים' מרומז אין די צוועלעף מילואים פון די שם אדנ"י.

**לְפִי שֶׁבְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְסוּגֶּלֶת לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בֶּאֱמֶת לַאֲמִיתּוֹ** ווייל די בחינה פון ארץ ישראל איז מסוגל צו מקבל זיין אויף זיך מיט א אמת'ע אמת'דיגקייט 'קבלת עול מלכות שמים', **לְפִי שֶׁשָּׁם הוּא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה**[יב] ווייל דארט אין ארץ ישראל איז די עיקר רוהינג פון די שכינה, **בִּכְדֵי לְהַשְׁפִּיעַ אַחַר כָּךְ בְּחִינַת קְדוּשָּׁה זוֹ לִכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל** כדי צו משפיע זיין דערנאך די בחינה קדושה פון 'קבלת עול מלכות שמים' פאר גאנץ כלל ישראל, **וְעַל יְדֵי זֶה יִתְמַשֵּׁךְ לָהֶם חֶסֶד וְרַחֲמִים מִי"ב מְכִילִין דְּרַחֲמֵי** און דורכדעם וועט נמשך ווערן אויף זיי חסד און רחמים פון די צוועלעף מידות הרחמים, **מְקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים** וואס דאס איז די מקור פון חסד און רחמים.

## די פגם און שאדן פון די חטא המרגלים

**אָכֵן כַּאֲשֶׁר מָאֲסוּ הַמְרַגְּלִים בִּבְחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** אבער ווען די מרגלים האבן פארמיסט די בחינה פון ארץ ישראל, **מָאֲסוּ בִּבְחִינַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִיצְלָן** האבן זיי רחמנא ליצלן אויך פארמיסט פון אננעמען אויף זיך די קבלת עול מלכות שמים, **אָז נִפְסַק הַשְׁפָּעַת הַצִּינּוֹר מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים לִכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל** איז דעמאלסט האט זיך אפגעהאקט די השפעה פון חסד און רחמים פאר כלל ישראל.

## די בקשה פון משה רבינו צו פארעכטן די פגם המרגלים דורך די זכות פון יהושע און כלב

**אָכֵן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה כָּל חֶפְצוֹ וּרְצוֹנוֹ הָיָה לְהַחֲזִיר עֲטָרָה לְיוֹשְׁנָהּ** אבער משה רבינו וואס זיין גאנצע ווילען און שטרעבן איז נאר געווען צוריקצוקערן פאר די יודן זייער קרוין צום אלטן (אזוי ווי עס איז געווען פארן זינדיגן), **לְהַמְשִׁיךְ הַשְׁפָּעַת הַצִּינּוֹר מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים לִכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל** צו ממשיך זיין אויף זיי די השפעות פון די קוואל פון חסד ורחמים אויף כלל ישראל, **עַל כֵּן הָיָה מוּכְרָח וְנִצְרָךְ לִבְחִינַת הַמְשָׁכַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת עַל כְּלָלוּת**

יב. ראה מה שכתב רבינו עוד בפרשת מסעי ד"ה ויכתוב משה: דהנה עיקר בחינת ארץ ישראל הוא כדי לבא לבחינת יראת הרוממות מהבורא עולמים, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ולקבל עליו עול מלכות שמים בשלימות, באשר מושל בעליונים ובתחתונים כרצונו ית', מחמת שבארץ ישראל הוא עיקר השראת השכינה והתגלות מלוכת הבורא ב"ה, לכך יוכלו להשיג שם בחינת קבלת עול מלכות שמים בשלימות בגודל אימה ופחד ויראה ובושה והכנעה. ולזה היה עיקר נסיעתם במדבר, ארץ ציה ושממה נחש שרף ועקרב, כדי להתבונן ולראות בעין שכלו שיש בחינת פחד ויראה מדברים גשמיים, אבל אין זה עיקר היראה, כי אין הנחש ממית וכו' (ראש השנה כט, א), רק שזה נברא בעולם רק בשביל משל ודוגמא בעלמא, והעיקר הוא לבא לבחינת ארץ ישראל, שהוא בחינת קבלת עול מלכות שמים בשלימות באימה ויראה אמיתית.

**יִשְׂרָאֵל מִתְּחִילָּה** איז פארדעם איז געווען נויטיג און ס'האט זיך פארלאנגט צו ממשיך זיין אויף כלל ישראל פון דאס ניי 'קבלת עול מלכות שמים', **וְאָז יוּכְלוּ לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** און דערנאך וועלן זיי קענען מקבל זיין די רוהינג פון די שכינה, **בְּחִינַת חֶסֶד וְרַחֲמִים עֲלֵיהֶם** די בחינה פון חסד און רחמים אויף זיי.

**וְהַתְחָלַת הַבִּנְיָן שֶׁל הַמְשָׁכַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם עַל כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁרִי כִּי אִם עַל יְדֵי דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם וְעַל יְדֵי דֶּגֶל מַחֲנֶה יְהוּדָה** און צו אנפאנגען פון דאס ניי אויפצובויען די המשכה פון 'קבלת עול מלכות שמים' אויף כלל ישראל איז נישט געווען מעגליך נאר דורך די פאן פון שבט אפרים און די פאן פון שבט יהודה.

**כִּי יְהוֹשֻׁעַ מִשֵּׁבֶט אֶפְרַיִם וְכָלֵב מִשֵּׁבֶט יְהוּדָה לֹא מָאֲסוּ בִּבְחִינַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם** ווייל יהושע וואס ער קומט פון שבט אפרים און כלב וואס קומט פון שבט יהודה האבן נישט פארמיסט אין די קבלת עול מלכות שמים, **אַדְּרַבָּה קִיבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בָּזֶה שֶׁלֹּא נָטוּ אַחֲרֵי עֲצַת מְרַגְּלִים** נאר אדרבא פארקערט מיט דעם וואס זיי האבן נישט נאכגעגאנגען נאך די עצה פון די מרגלים  האבן זיי מקבל געווען אויף זיך 'קבלת עול מלכות שמים'.

מִתְּחִילָּה, וְאָז יוּכְלוּ לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, בְּחִינַת חֶסֶד וְרַחֲמִים עֲלֵיהֶם.

וְהַתְחָלַת הַבִּנְיָן שֶׁל הַמְשָׁכַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם עַל כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁרִי כִּי אִם עַל יְדֵי דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם וְעַל יְדֵי דֶּגֶל מַחֲנֶה יְהוּדָה.

כִּי יְהוֹשֻׁעַ מִשֵּׁבֶט אֶפְרַיִם וְכָלֵב מִשֵּׁבֶט יְהוּדָה לֹא מָאֲסוּ בִּבְחִינַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אַדְּרַבָּה קִיבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת בָּזֶה שֶׁלֹּא נָטוּ אַחֲרֵי עֲצַת מְרַגְּלִים.

עַל כֵּן הָיָה בַּקָּשַׁת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה מְבוֹרָא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּתְגַּדֵּל וְיִתְנַשֵּׂא שֵׁם אֲדֹנָ"י בְּמִילּוּאוֹ עַל יְדֵי קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת עַל כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי זְכוּת יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב שֶׁקִּבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּתוֹ בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים בָּאָרֶץ הַקְּדוֹשָׁה.

וְיוּשְׁפַּע בְּחִינָה זוֹ בִּכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל כְּדֵי שֶׁיִּשְׁרֶה עֲלֵיהֶם שְׁכִינָתוֹ, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמְשָׁכַת שֶׁפַע הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים מִמְּקוֹרוֹ בְּלִי הֶפְסֵק עַל כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

וְזֶהוּ כַּוָּונַת הַכָּתוּב 'וְעַתָּה יִגְדַּל נָא כֹּחַ אֲדֹנָ"י', הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת נָא, שֶׁהוּא מְרַמֵּז עַל דֶּגֶל מַחֲנֵה יְהוּדָה שֶׁהוּא כְּנֶגֶד אוֹת א' מִשֵּׁם אֲדֹנָ"י, וְעַל דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם שֶׁהוּא דֶּגֶל שְׁלִישִׁי כְּנֶגֶד

**עַל כֵּן הָיָה בַּקָּשַׁת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה מְבוֹרָא עוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּתְגַּדֵּל וְיִתְנַשֵּׂא שֵׁם אֲדֹנָ"י בְּמִילּוּאוֹ**[יג] און דערפאר איז געווען די בקשה פון משה רבינו עליו השלום פונעם באשעפער אז עס זאל גרויס און דערהויבן ווערן די שם א'ד'נ'י' מיט איר מילוי, **עַל יְדֵי קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת עַל כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל** דורך די 'קבלת עול מלכות שמים בשלימות' אויף כלל ישראל, **עַל יְדֵי זְכוּת יְהוֹשֻׁעַ וְכָלֵב שֶׁקִּבְּלוּ עֲלֵיהֶם עוֹל מַלְכוּתוֹ בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים בָּאָרֶץ הַקְּדוֹשָׁה** דורך די זכות פון יהושע און כלב וואס האבן מקבל געווען אויף זיך אין די הייליגע לאנד ארץ ישראל די 'עול מלכות שמים' מיט א אמת און א גאנצקייט.

**וְיוּשְׁפַּע בְּחִינָה זוֹ בִּכְלָלוּת יִשְׂרָאֵל** און אזוי זאל רוען די בחינה פון 'קבלת עול מלכות שמים' ביי גאנץ כלל ישראל, **כְּדֵי שֶׁיִּשְׁרֶה עֲלֵיהֶם שְׁכִינָתוֹ** כדי ס'זאל רוען אויף זיי די שכינה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמְשָׁכַת שֶׁפַע הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים מִמְּקוֹרוֹ בְּלִי הֶפְסֵק עַל כְּלַל יִשְׂרָאֵל** וואס דאס איז די בחינה פון ממשיך זיין די שפע פון חסד און רחמים פון די מקור (י"ב מידות הרחמים) אן קיין שום צוריקהאלט אויף כלל ישראל.

[ה]

## פשט אין פסוק ועתה יגדל 'נא'

**וְזֶהוּ כַּוָּונַת הַכָּתוּב 'וְעַתָּה יִגְדַּל נָא כֹּחַ אֲדֹנָ"י'** און דאס איז וואס די פסוק מיינט צו זאגן 'און **יעצט** זאל **[נָא]** געגרויסט ווערן די נאמען פון דער אייבישטער – אדנ"י', **הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת נָא**[יד] **די פסוק מיינט צו זאגן אז דורך די בחינה פון 'נא', שֶׁהוּא מְרַמֵּז עַל דֶּגֶל מַחֲנֵה יְהוּדָה שֶׁהוּא כְּנֶגֶד אוֹת א' מִשֵּׁם אֲדֹנָ"י** וואס די 'א' פון די ווארט 'נא' איז מרמז אויף די פאן פון מחנה יהודה וואס איז אקעגן די אות א' פון שם אדנ"י, **וְעַל דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם שֶׁהוּא דֶּגֶל שְׁלִישִׁי כְּנֶגֶד אוֹת נ' מִן שֵׁם אֲדֹנָ"י** און די אות 'נ' פון די ווארט 'נא' איז מרמז אויף די פאן פון מחנה אפרים

יג. דאס מיינט מיט די צוועלף אותיות וואס איז מרמז אויף די צוועלף שבטים.

יד. יעצט גייב די בת עין טייטשען אז די ווארט 'נא' מיינט נישט אזוי ווי אלעמאל 'יעצט', נאר די ווארט 'נא' קומט אונז צו מרמז זיין די בחינת קבלת עול מלכות שמים וואס איז מרומז אין די צוויי אותיות נ- א.

**אות נ' מִן שֵׁם אֲדֹנָ"י, לְפִי שֶׁהַנוּ"ן אוֹת שְׁלִישִׁי מִשֵּׁם אֲדֹנָ"י[ח].**

**עַל יְדֵי בְּחִינַת נָא שֶׁהֵם שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת מִשֵּׁם אֲדֹנָ"י שֶׁהֵם מְכוּוָּנִים נֶגֶד ב' דְּגָלִים יְהוּדָה וְאֶפְרַיִם, יִתְגַּדֵּל וְיִתְנַשֵּׂא וְיִתְקַדֵּשׁ שֵׁם 'כֹּחַ אֲדֹנָ"י', בְּחִינַת הַמְשָׁכַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁנֵי דְּגָלִים הָאֲחֵרִים גַּם כֵּן כְּמוֹ בִּיהוּדָה וְאֶפְרַיִם, וְיִתְמַלֵּא הַשֵּׁם.**

**וְאָז יִהְיֶה 'הֲוָיָ"ה אֶרֶךְ אַפַּיִם' וְגוֹ'[ט], הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה הַשְׁרָאַת חֶסֶד וְרַחֲמִים מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים בֶּאֱמֶת כָּאָמוּר לְמַעְלָה, לְפִי שֶׁאֵין מְקוֹר הַחֶסֶד שׁוֹרֶה רַק עַל מִי שֶׁמְּקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת.**

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה בִּמְהֵרָה לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם שְׁלֵימָה עַל יְדֵי בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.**

ח. כפי שהאריך רבינו בזה לעיל ד"ה ועתה יגדל (הא').

ט. לשון הפסוק: 'ועתה יגדל נא כח אדני כאשר דברת לאמר, ה' ארך אפים ורב חסד נושא עון ופשע ונקה לא ינקה פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים'. ור"ל שהם לשונות הי"ב מדות של רחמים, להשפיע חסד ורחמים ממקור החסד והרחמים.

וואס איז אקעגן די אות נ' פון די שם אדנ"י, **לְפִי שֶׁהַנוּ"ן אוֹת שְׁלִישִׁי מִשֵּׁם אֲדֹנָ"י**[טו] ווייל די אות 'נ' איז די דריטע אות פון די שם אדנ"י.

**עַל יְדֵי בְּחִינַת נָא שֶׁהֵם שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת מִשֵּׁם אֲדֹנָ"י** דורך די בחינת 'נא' וואס זיי זענען צוויי אותיות פון די שם אדנ"י, **שֶׁהֵם מְכוּוָּנִים נֶגֶד ב' דְּגָלִים יְהוּדָה וְאֶפְרַיִם** וואס די אותיות נ'א' זענען מרמז אקעגן די צוויי פענער פון שבט יהודה און אפרים, **יִתְגַּדֵּל וְיִתְנַשֵּׂא וְיִתְקַדֵּשׁ שֵׁם 'כֹּחַ אֲדֹנָ"י'**[טז] דורכדעם וועט דערהויבן און געגרויסט און פארהייליגט ווערן די נאמען און כח פון די שם אדנ"י, **בְּחִינַת הַמְשָׁכַת קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁנֵי דְּגָלִים הָאֲחֵרִים גַּם כֵּן** דאס מיינט אז ס'וועט אויך נמשך ווערן 'קבלת עול מלכות שמים אויך ביי די צוויי אנדערע פענער (פון שבט ראובן און דן), **כְּמוֹ בִּיהוּדָה וְאֶפְרַיִם** פונקט אזוי ווי ס'איז נמשך געווארן ביי שבט יהודה און אפרים, **וְיִתְמַלֵּא הַשֵּׁם**[יז] און ס'וועט אנגעפילט ווערן די שם אדנ"י מיט איר מילוי.

## דורך קבלת עול מלכות שמים וועט מען זוכה זיין צו מידת החסד

**וְאָז יִהְיֶה 'הֲוָיָ"ה אֶרֶךְ אַפַּיִם' וְגוֹ'**[יח] און ווי משה רבינו זאגט ווייטער אין פסוק די י"ב מכילין דרחמים 'השם ארך אפים', **הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה הַשְׁרָאַת חֶסֶד וְרַחֲמִים מִמְּקוֹר הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים בֶּאֱמֶת כָּאָמוּר לְמַעְלָה** דאס מיינט ווי אויבן געזאגט אז עס וועט זיין די רוהינג פון חסד און רחמים פון די מקור החסד און רחמים, **לְפִי שֶׁאֵין מְקוֹר הַחֶסֶד שׁוֹרֶה רַק עַל מִי שֶׁמְּקַבֵּל עָלָיו עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּשְׁלֵימוּת** ווייל די מקור החסד טוט נישט רוען נאר אויף דעם וואס איז מקבל אויף זיך אינגאנצן 'קבלת עול מלכות שמים'.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה בִּמְהֵרָה לְקַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם שְׁלֵימָה עַל יְדֵי בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** זאל זיין די ווילן פון השי"ת אז אונז זאלן שנעל זוכה זיין צו מקבל אויף אונז 'עול מלכות שמים' אינגאנצן דורך די בחינה פון ארץ ישראל.

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.**

טו. און שבט אפרים איז דאך געווען די דריטע דגל ממילא איז עס אקעגן די אות 'נ'.

טז. די ווארט כח אדנ"י מיינט די השפעה און די באהאלטענע כוח פון די שם אדנ"י, און ס'איז מרמז צו די אותיות מילוי וואס איז מרמז צו די צוועלף שבטים פון כלל ישראל.

יז. דאס מיינט אז עס וועט זיין 'קבלת עול מלכות שמים' ביי אלע צוועלף שבטים וואס איז מרומז אין שם אדנ"י מיט איר מילוי.

יח. די לשון פון די פסוק איז: **וְעַתָּה יִגְדַּל נָא כֹּחַ אֲדֹנָי כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לֵאמֹר. יְהוָה אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד נֹשֵׂא עָוֺן וָפָשַׁע וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה פֹּקֵד עֲוֺן אָבוֹת עַל בָּנִים עַל שִׁלֵּשִׁים וְעַל רִבֵּעִים.** וואס דאס איז די צוועלף מידות הרחמים, צו משפיע זיין חסד ורחמים פון די מקור החסד והרחמים.

**הגליון נתנדב**
ע"י **הרוצה בעילום שמו**
לעילוי נשמת **הבת עין** ז"ע
לזכות ולהצלחה בכל הענינים בתוך כלל ישראל

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com